ומ״מ, שפּעטער אין ראַצק, מיר, זעלווע, מ״מ אין ניו־יאָרק, ניפטר געוואָרן 1875 אין שיקאַגאָ, חיבורים: **פּרדס החכמה** (סדילקאָוו, תּקצ״ו), **פּרדס הבינה** (אמסטער־דם, 1842 [?1855]), **מטעי משה** (ירושלים, תּרל״ח).

ר׳ חיים וואַסערצוג (ר׳ חיים פּיליפּאָיוער). פֿריִער רבֿ אין טשענסטעכאָוו, רייגראַד, פּיליפּאָווע (מערסטע יאָרן), סעריי. קעגנער פֿון חסידות און געהאַט אויסצושטיין צרות פֿון די חסידים. געווען אַ גרויסער מֵקיל עד כּדי כך, אַז גרויסע שכנותדיקע רבנים זײַנען געקומען צום קאָוונער רב ר׳ לייבעלע שאַפּיראָ מיט אַ פֿאָרשלאָג אים מחרים צו זײַן. אויף דעם האָט קאָוונער גאון זיי געענטפֿערט: „מיר לערנען אַ וואָך וואָס ער לערנט אַ טאָג; מיר עסן אַ טאָג וואָס ער עסט אַ וואָך — ווי קענען מיר אים מישפּטן?״ ניפטר געוואָרן 1865 אין ווישטינעץ.

ר׳ חיים בר׳ שמשון. ניפטר 1875; ר׳ אלחנן־צבֿי לאַפּ, פֿון 1868, ניפטר 1885 [?]. זײַן זון ר׳ אפֿרים־דובֿ, דאָ גע־באָרן 1859. רבֿ אין זאַבלודאָווע, ווירבאַלן־קיבאַרט. ניפטר 1825 אין ווירבאַלן. בעל **זבֿח אפֿרים** (פּיעטרקובֿ, תּרע״ד); ר׳ יצחק נידערלאַנד. ניפטר 1901.[1]

ר׳ דוד פּאָלטינאָוו; ר׳ אַבֿרהם־יהודה בר׳ חיים־אליהו פּאָלטינאָוו, געבאָרן 1880, אויך רבֿ אין דאַטנעווע און מו״צ אין ווילקאָווישק, הי״ד.

ר׳ זלמן־יהושע קאַפּלאַן; ר׳ זלמן סודעלניצקי, 1934, הי״ד.

אין 1855 און 1883 זײַנען גע־ווען 38 ווישטינעצער פּרענומעראַנטן אויף רבנישע ספֿרים.

**אָפּשטאַמיקע.** — לעאָן האָלענדערסקי, דאָ געבאָרן 1808. באַשול־דיקט געוואָרן אין העלפֿן די פּוילישע אויפֿ־שטענדלערס אין 1831 און אַנטלאָפֿן קיין פּאַריז, ווו געשטאָרבן אין 1878. פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאָרשונגען אין פֿילאָסאָפֿיע און געשיכטע, צ״אַ דאָס בוך **די ייִדן אין פּוילן** (פֿראַנצייזיש).

ר׳ משה הכהן ווישטיניצער, זיידע פֿון ר׳ יצחק בר׳ אַבֿרהם ווישטי־נעצקי, בעל **דבֿרי יצחק** (ווילנא, 1868), **דבֿרי השׂכל** (וואַרשא, 1874).

ר׳ ישׂראל מיכאַלעווסקי, דאָ גע־באָרן 1831. פֿון 1886 חזן אין בית־המדרש הגדול אין ניו־יאָרק, ווו ניפטר געוואָרן 1911.

**שרײַבערס.** — יעקבֿ ראַמבערג, געבאָרן 1855. פֿון 1925 אין ארץ־ישׂראל. מחבר פֿון **מילון עבֿרי לכל רחבי הלשון העבֿרית** (וואַרשה־ת״א, תּרפּ״ד־תּרפּ״ז). באַוויזן אַרויסצוגעבן נאָר דרײַ בענד (פֿון כּרך ב׳ מיט־מחבר). שווער פֿון מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי. גע־שטאָרבן 1928 אין ת״א.

אַבֿרהם־חיים חרל״פּ־היימאַן,

---

1) אַזוי לויט הצפֿירה, 1901. קומט אויס, אַז זײַן פּטירה־דאַטע 1886 אין יהדות ליטא, ג׳ איז ניט ריכטיק. אויך די פּטירה־דאַטע 1885 פֿון ר׳ אלחנן־צבֿי לאַפּ אין יהדות ליטא, ג׳, שטימט ניט מיט דער ידיעה אין הצפֿירה, 1901.